# 1טער גראַנדיעזער סאָוויעטישער קלאַנג־פילם

## פון גרויסען מאַסשטאַב

## SOWKINO-MOSKWA פּראָדוקציע

# „היימלאָזע"

## דער וועג צום לעבען (Putiowka w żizń)

רעזשי פון געניאַלען מיקאַלאַי עק

ווערט דעמאָנסטרירט מיט א ריזיגען ערפאָלג

אין 1־טען קלאַנג־קינא־טעאַטער

# „SPLENDID"

אין די הויפּט־ראָלען:

**Ivan Kyrła, Mikołaj Batałow, Michał Dragowarow i Michał Zarow**


# וואָס זאָגט א גרויסער קריטיקער וועגן פילם „היימלאָזע"

### „היימלאָזע"

### בעשולדיגען די סאָוויעטען

אַ סאָוויעטישער פילם אין לאָדז! אַזאַ פּרעמיערע האָט פאַר אונז, די נאָהענטסטע שכנים פון סאָוויעטרוסלאַנד, אַ בייגעשמאַק פון אַ סענסאַציע, ווי זעהט דאָרט באמת אויס?

מיר ווילען זעהן אַלץ נישט פון אינפאָרמאַציאָנס־פערמיטלער, נאָר פון דער ערשטער האַנד פון דער בעסטער קוועלע... אָדער צי קאָן דען זיין אַ בעסערע, אמת'ערע אינפאָרמאַציע, ווי דער פילם, וואָס איז איצט רעאַליזירט געוואָרען אין רוסלאַנד דורך דעם גענ'אַלען רעזשיסער עק.

— די העלדען פון פילם זענען... היימלאָזע, טויזענד, פיל טויזענדער, אָפּט באָמעגלאָזע קינדער און יוגענדליכע, וואָס שלעפּען זיך אַרום אָהן ציל, אָהן אויפזיכט, רױבענדיג און גנב'ענדיג וואו עס לאָזט זיך נאָר.

אויפ'ן עקראַן זעהען מיר ווילדע, אוממגליקליכע מענשליכע בעשעפענישען, וואָס ווייסען נישט פון קיין מאָרגען, פון קיין היים.

* * *

דער רוסישער רעזשיסער אינטערעסירט זיך קודם כל מיט דעם מאַסען־לעבען פון די קינדער־וואַגאַבונדען. אַמוויכטיגסטען איז פאַר איהם די געזעלשאַפטליכע זייט.

דער אינסצעניזאַטאָר מיקאַלאַי עק אַפערירט אויסגעצייכענט מיט מאַסען. אַזאַ וואונדערבאַרער איבערגאַנג פון נאַכט צו טאָג (אַ געניאַל בענוצען זיך מיט ליכט) איז נישט בלויז אַנ'עסטעטער שע ציהונג נאָר ענטשפּרעכט פולשטענדיג דעם אינהאַלט.

נאָך אַ טריומף־מאַרשרוט איבער די עקראַנען פון לאָנדאָן, פּאַריז און בערלין איז דער דאָזיגער פילם געקומען אויך צו אונז. ווי נאָך יעדער פּרעמיערע פון אַ סאָוויעטישען פילם, מוזען מיר אויך דאָסמאָל פעסטשטעלען, אַז די סאָוויעטישע פילם־פּראָדוקציע געהט פאָראויס אין דער ערשטער רייה, איבערשטייגענדיג אין טעכנישען און רעזשיסערישען זין די אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער פילמען.

ווי אַמאָל „דער שטורם איבער „אַזיען" און דערנאָך „דער בלויער עקספּרעס" — איז דער פילם „היימלאָזע" אַ רעוואָלוציע־פילם, וועלכער צווינגט נישט בלויז יעדען צושויער טיף זיך צו פערטראַכטען איבער דעם אינהאַלט פון בילד נאָר ער מוז אויך פעסטשטעלען, אַז די סאָוויעטישע פילמען האָבען אַ געוואַלדיגע סוגעסטיווע קראַפט.

די סאָוויעטישע פילמען זענען ווייט אַנדערש ווי די פילמען פון דער גאַנצער וועלט. עס איז אין די נישטאָ קיין באַנאַליטעט, עס איז פון זיי אַרויסגעשמיסען דער שאַבלאָן.

דער פילם „היימלאָזע" האָט צוויי'ערליי זייטען. דער ערשטער איז די אַרטיסטישע זייט און דער אַנדערער — דער טיפער געזעלשאַפטליכער אינהאַלט.

דאָס איצטיגע מאָל בעהאַנדעלט דער פילם איינעם פון די וויכטיגסטע סאָציאַלע פּראָבלעמען פון אונזער צייט, דאָס פּראָבלעם פון איבערציהען אויפ'ן דרך הישר מינדעריעהריגע פערברעכער, וועלכע האָבען זיך אויסגעגלישט צוליב נויט און געוואָרען שעדליכע עלעמענטען אין דער געזעלשאַפט, אָבער ביי אַ געהעריגער אויפזיכט קענען זיי ווערען נוצליכע מענשען.

מיט געריהרטקייט און שפּאַנונג קוקט מען זיך צו צו דעם קאַמף, וואָס ווערט געפיהרט כדי צו ראַטעווען די אומגליקליכע קינדער־נשמות. מיט רעספּעקט און מיט דער גרעסטער אַכטונג בעטראַכטעט מען די ערציהערישע מעטאָדע, ערציהונגס־מעטאָדען, מיט וועלכע עס טרעטען צו צו דעם דאָזיגען קאַמף מענשען עהרליכע, יונגע און מיט אַ גוטען ווילען.

קוקענדיג אויף דעם לאַגער אויף דעם אינזעל, אויף דעם גאַנצען ערציהונגס־סיסטעם, וואָס ווערט געוויזען אין די „היימלאָזע", מוז מען זיך מיט חרפה און טרויער דערמאָהנען די שוואַרצע בלעטלעך אין דעם אין זיינער צייט בעריהמטען סטודיענניק־פּראָצעס.

צווישען די שוואַרצע בלעטלעך פון אונזער ערציהונגס־סיסטעם און די דאָזיגע פּרעכטיגע ערציהונגס־מעטאָדען, וועלכע מיר זעהן אין דעם דאָ מאָנסטרירטען פילם. איז דאָ אַזאַ שטאַרקער אונטערשיד, אַז עס איז כמעט אוממעגליך נישט צו מאַכען קיין טרויעריגע פערגלייכען.

די אַקציע פון בילד האָט נישט די מינדעסטע געקינצעלקייט. מען שטעלט אונז נישט פאָר קיין מערטירער־מלאכימ'לעך, מען ווייזט אונז גאַסען קינדער, אַזוי ווי זיי זענען די ערגסטע לאָבוזעס, אומגליקליך – אויסגעגלישטע מיט די זעלבע ספרען פון גוטס און שלעכטס אויף די בשמות.

די האַנד פון דעם פעהיגען ערציהער טויט אָפּ דאָס שלעכטע און דאָס ביסעל גוטס, וואָס די יוגענדליכע פערברעכער פערמאָגען נאָך, ברענגט ער צום גרעסטען אויפבליה.

די סצענעס פון לעבען פון די קינדער אויף דער פרייהייט און אין קאָנצענטראַציאָנס – לאַגער ווערט פאַרגעשטעלט מיט דעם גרעסטען רעאַליזם. די דראַסטישע מאָמענטען זענען נישט אויסגעמיטען געוואָרען, די מיאוס'ע מאָמענטען פון דער ווירקליכקייט זענען נישט פערשוינערט געוואָרען.

דאָס, וואָס ווערט געוויזען גיט א בילד פון לעבען. מיר קוקען נישט אויף די אַקטי... אויף געמאַלטע ליאַלקעס, מיר זעהן אמת'ע... דיגע מענשען.

דער רעזשיסער עק איז געגאַנגען ... נייעם וועג. דאָס, וואָס ער האָט אונז ... איז נישט קיין גוזמא און נישט פּאָעטיש... מאַסטיש.

ער האָט געגעבען רעאַליזם אין זיין ... באַקעטער פאָרם. מיט זיינע מיטלען פּע... ער אונז און פער'כשופ'ט און רופט ביי ... רויס די זיכעריקייט, אַז עס איז נאָך פאַר... אוצר פון נייע וועגען פאַר'ן רעזשיסער.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פון פילם „... זע", ווי בכלל פון אַלע סאָוויעטישע פיל... דאָס אַוועקנעהמען פון זיי די אַזוי גערופענ... רעבס" און אַוועקנעהמען דעם טראָג. דע... פונקט פונ'ם שפּילען פון דער ענצעלנער ... און איהם אַרויפלעגען אויף דעם אַנסאַמבל...

אין די „היימלאָזע" זעהט מען כמע... אַרויס קיין בעזונדערע אַרטיסטען — אי... צעלנע פערזאָנען איז אוממעגליך נישט צו ... קען אָבער די גאַנצע פעראינטערעסירטקיי... אויף זיך צו דעם המון, די קינדער פון גא... אויך די קינסטלערישע זייט איז אַ... לאַציע.

מ'האָט דאָ נישט בענוצט קיין אַלט... אויספּרובירטע מיטלען. מ'האָט זיך בענו... אַ נייעם מעטאָד פון פעראייניגען די אי... פונ'ם אויג מיט די איינדרוקען פון אויער.

וואָס שייך די מאָלערישע זייט, האָט ... מיט די ליכט־בילדער דערגרייכט די העכס... קומענקייט אַזאַ זון־אויפגאַנג, ווי מען ... האָט מען אין קיין שום בילד נישט געזע... האָט אַרויסגענומען פון איהם אַלץ, וואָס ... אַנ'עפעקט און אַרויסרופען די געהעריגע ...

דער פילם „היימלאָזע" איז איינע... פילמען — וואָס בלייבען אין גאַלעריע ... טואַר פון דער קינעמאַטאָגראַפישער קונס...

רכ...

